**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/29/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט אפדעיטס פאר ניו יארקער אזוי ווי שווערע שניי און שטארקע ווינטן זעצן פאר ווייטער צו באטרעפן דאונסטעיט ראיאנען היינט**

***סטעיט אָוו עמערדזשענסי זעצט פאר ווייטער פאר בראנקס, קינגס, נעסאוי, ניו יארק, פוטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, און וועסטשעסטער קאונטיס; בליזארד ווארענונג אין קראפט פאר סופאלק קאונטי***

***שווערע שניי ערווארטעט אנצוהאלטן ביז היינט פאר לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און מיטל-הודסאן ראיאנען מיט פארזאמלונגען ביז 12 אינטשעס מעגליך אין ניו יארק סיטי און ביז 24 אינטשעס מעגליך אויף לאנג איילענד***

***גאווערנער האקולווארנט ניו יארקער צו בלייבן אראפ פון ראודס אויף צוצולאזן עמערדזשענסי אפרוף מאנשאפטן צו ארבעטן זיכערערהייט***

***לאנג איילענד רעיל-ראוד סערוויס סוספענדירט אויף אלע צווייגן; שנעלקייט רעדוקציעס און טראָק איינצוימונגען אין פלאץ פאר לאנג איילענד עקספרעסוועי און פארקוועיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געגעבן אן אפדעיט פאר ניו יארקער אויף דער ווינטער שטורעם וואס טוט איצט אפעקטירן דאונסטעיט מיט שווערע שניי אן שטארקע ווינטן. גאווערנער האקול האט דערקלערט א סטעיט אָוו עמערדזשענסי אום פרייטאג, יאנואר 28, צוליב דאס אנקומען פון א ים-ברעגע שטורעם פאראויסגעזאגט צו ברענגען שווערע שניי און ווילדע ווינטן צו טיילן פון לאנג איילענד, ניו יארק סיטי, און דער אונטערשטער טייל הודסאן וואלי.

געוויסע ערטער אין לאנג איילענד האבן שוין מיטגעמאכט שניי-פאל ראטעס פון צוויי אינטשעס פער שטונדע, מיט ראטעס וואס האלטן אן אדער העכערן זיך אין שטארקייט ביז שפעט היינט נאכמיטאג. ווינט בלאזענישן ביז 60 מייל א שטונדע אינאיינעם מיט שווערע שניי-פאל וועלן באטרעפן רייזע אין די לאקאציעס און קענען פאטענציעל ברענגען עלעקטרישע אויסלעשונג. גאווערנער האקול האט געראטן ניו יארקער אין באטראפענע לאקאציעס צו בלייבן אינדערהיים און אויסמיידן רייזן, אויסער אויב נויטיג.

״ביז אהער זענען מיר וואס דאס איז געווארן פאראויסגעזאגט — פילע שניי אין א קורצע צייט אפשניט און שטורמישע ווינטן וואס וועלן מאכן שווער צו פארן דער איבעריגער טייל פונ׳ם טאג, איבערהויפט אויף לאנג איילענד,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״סטעיט עמערדזשענסי אפרופער זענען שוין ארויסגעשטעלט צו ערטער וואו די שווערסטע שניי איז ערווארטעט, און זיי זענען גרייט ארויסצוהעלפן ארטיגע עמערדזשענסי אפרוף באמיאונגען. די מערסט געפארפולע פאזע פון דעם שטורעם איז איצט, דעריבער ביטע טוט ווייטער אויסמיידן אומנויטיגע רייזע בשעת אונזערע מאנשאפטן ארבעטן אויף

אפצורוימען די גאסן. געדענקט צו האלטן א נאענט אויג אויף אייער ארטיגע פאָרקעסטן פאר די לעצטע אפדעיטס, און קוקט אריין אויף אייערע באליבטע און שכנים זיכער צו מאכן אז יעדער איז אפגעהיטן.״

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״מיר ערווארטן היינט א גרויסע מאס שניי אין טיילן פון לאנג איילענד און ניו יארק סיטי, דערפאר איז גאר וויכטיג צו בלייבן אינדערהיים און לאזן עמערדזשענסי רעספאנדערס טון וואס זיי דארפן טון אונז צו האלטן זיכער. בליזערד-סארט אומשטענדן וועלן פארזעצן דורכאויס דעם טאג, דערפאר קליידעט אייך אין שיכטן און באגרעניצט אייער אויסגעשטעלטקייט אויב איר דארפט ארויסגיין.״ א בליזערד ווארענונג איז אין קראפט פאר סופאלק קאונטי און א ווינטער שטורעם ווארענונג איז איצט אין קראפט פאר נעסאוי קאונטי, ניו יארק סיטי, פוטנעם, ראקלענד און וועסטשעסטער ערטער. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען אין אייער געגנט, באזוכט אייער געגנט׳ס נאציאנעלע וועטער סערוויס [וועבזייטל](#).

<u>**אגענטור פארברייטערונגען**</u>

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער איז אקטיווירט און האלט א נאענט אויג אויף וועטער און רייזע אומשטענדן, קאארדינירן סטעיט אגענטור און אפרוף אפעראציעס, און ווייטער בלייבן אין קאנטאקט מיט ארטיגע אינסטאנצן דורכאויס דעם פאסירונג. סטעיט זאפאסן זענען גרייט אויף ארויסצושטעלן אלס הילפס-מיטלען פאר ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן צו שטיצן סיי וועלכע שטורעם-פארבינדענע נויט, אריינגערעכנט פאמפס, טשעינסאָוס, זאמד-זעקלעך, דזשענערעיטארס, פעלדבעטלעך, קאלדרעס און באטלעך וואסער.
פרייטאג צו נאכט האט דער דיוויזיע פון פייער אפהאלט און קאנטראל אקטיווירט דער פייער אפעראציעס צענטער אין אלבאני צו שטיצן סיי וועלכע פארלאנגען פאר הילף ערהאלטן דורכאויס דער שווערער וועטער פאסירונג. אין פארברייטערונג צו דעם שטורעם, האט OFPC ארויסגעשטעלט פיר רעלסן UTV׳ס, אריינגערעכנט 15 פערסאנאל מיט שטיצע אויטאס, צו דער בּעי שאָר זאפאס. די מאנשאפטן קענען אפערירן אלס אן איינציגער איינהייט אדער זיך צוטיילן אויף צווי טיעמס פון צווי UTV׳ס פאר יעדע באזונדער אויב נייטיג צו אפערירן אין מערערע ערטער.

**דעפארטמענט פון טראנספארטאציע**

דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע האט ארויסגעגעבן א ספיעד ראטונג פון 45 מייל א שטונדע אויף דער לאנג איילענד עקספרעסוועי און פארקוועיס, און איינגעצוימט טראָקס צו דער רעכטער לעין נאר אויף דער לאנג איילענד עקספרעסוועי. די ספיעד ראטונגען זענען געשטיצט דורך שילדן מיט צוגעפאסטע אנזאג אויף שאסייען איבער לאנג איילענד.
צו שטיצן שניי און אייז אקטיוויטעטן אין קריטיש-וויכטיגע ערטער, א סה״כ פון 94 שטאב — אריינגערעכנט 70 שארער-טראָק אפערירער, צען סופערווייזערס, זעקס סיגנאל מעכאניקס, פיר מעכאניקס, דריי געהילף ראיאנישע אינזשינערן, איין זיכערהייט אפיציר, און צווי מעכאניקער סערוויס טראָקס — זענען ארויסגעשטעלט צו דער לאנג איילענד ראיאן ווי פאלגענד:

- סיאסעט האט ערהאלטן 10 אפערירער און איין סופערווייזער פון דער מאוהאק וואלי
- גארדען סיטי האט ערהאלטן 8 אפערירער און איין געהילף ראיאנישע אינזשינער פון דעם קאפיטאל ראיאן
- ריווערהעד האט ערהאלטן 10 אפערירער און 2 סופערווייזערס פון די פינגער לעיקס, און 6 אפערירער און 1 סופערווייזער פון די נארט קאנטרי

- צענטראל אייסליפ האט ערהאלטן 8 אפערירער און 1 סופערווייזער פון דער סאוטערן טיער, און 4 אפערירער און 1 סופערווייזער פון דער נארט קאנטרי
- מעלוויל האט ערהאלטן 10 אפערירער און 2 סופערווייזערס פון דער מאוהאק וואלי
- נארט מעריק האט ערהאלטן 8 אפערירער און 2 סופערווייזערס פון צענטראל ניו יארק און 4 אפערירער פון דעם קאפיטאל ראיאן
- באבילאן האט ערהאלטן 2 אפערירער און 1 געהילף ראיאנישע אינזשינער פון צענטראל ניו יארק און 1 געהילף ראיאנישע אינזשינער פון דעם קאפיטאל ראיאן
- לאנג איילענד פלאט פארוואלטונג האט ערהאלטן 2 מעכאניקער פון דער מאוהאק וואלי און 2 מעכאניקער פון צענטראל ניו יארק
- איין זיכערהייט אפיציר פון דער פינגער לעיקס וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן צו לאנג איילענד, ווי אויך 2 סיגנאל מעכאניקער פון דעם קאפיטאל ראיאן, 2 סיגנאל מעכאניקער פון דער מאוהאק וואלי און 2 סיגנאל מעכאניקער פון דעם סאוטערן טיער.
- טשיפּער און בוים מאנשאפט וועט ארויסגעשטעלט ווערן ווי נויטיג צו אפרוימען געפאלענעביימער פון שאסייען און דער נויט פאר צוגעגעבענע רעסאָרסן וועט כסדר אפגעשאצט ווערן דורכאויס דער פאסירונג.

שלעפער טראָקס ווערן אויך ארויסגעשטעלט אין סיאסעט, ריווערהעד, מעדפארד, העמפטאן בּעיס, צענטראל אייסליפ, מעלוויל און נאָרט מעריק גיך אפצורוימען די אנשטויסונגען.
אלע וואוינונג לאקאציעס וועלן זיין אויסגעשטאבט פאר 24/7 אפעראציעס דורכאויס דער פארלויף פון דער געשעעניש. פלאט מעכאניקער אין אפעקטירטע ערטער וועלן אויסשטאבן אלע הויפט איינוואוינער לאקאציעס 24/7 אויסצופירן פארריכטונגען און האלטן טראָקס אויפ׳ן ראוד.

אויסריכטונגען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 1,596 גרויסע שארער-טראָקס
- 143 מיטלמעסיגע שארער-טראָקס
- 51 שלעפער שארער-טראָקס
- 322 גרויסע לאודערס
- 38 שניי בלאזער

**טרו-ווער אויטאריטעט**
די טרו-ווער אויטאריטעט איז אקטיוו באשעפטיגט אין שניי און אייז אפעראציעס מיט 681 אפערירער און סופערווייזערס.
אויסריכטונגען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 252 גרויסע שארער-טראָקס
- 112 מיטלמעסיגע שארער-טראָקס
- 11 שלעפער שארער-טראָקס
- 67 גרויסע לאודערס

צוליב שווערע שניי און שטארקע ווינטן, איז דער ספיעד לימיט אויף דעם מאריא עם. קאומאו ברידזש גענידערט געווארן צו 35 מייל א שטונדע.

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מעדיע ווערן געניצט צו ווארענען מאטאריסטן איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

די טרו-וועי אויטאריטעט ראט פאר מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפּ וועלכס איז צו באקומען בחינם אויף איי-פאָן און ענדראָוד סמארטפאנס. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקט לעבעדיגע און עכט-צייטיגע טראפיק און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. דרייווער קענען זיך אוך אויפשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע שטעלן צו די לעצטע טראפיק באריכטן לענגאויס דעם טרו-וועי דא.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**
DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דעם אנטוויקלענדן מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייען אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. אלע אפרוף-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינגערעכנט סאויערס, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
אלע לאנג איילענד סטעיט פארקס וועלן צייטווייליג פארשלאסן ווערן שבת אינדערפרי אלס א זיכערהייט באווארעניש. פארק באזוכער זאלן נאכקוקן אויף parks.ny.gov אדער רופן זייערע ארטיגע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס איבער פארק שעה׳ן, עפענונגען, און פארשליסונגען. ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק פערסאנאל זענען אויפ׳ן וואך און טוען נאענט איבערקוקן וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. סאויער מאנשאפטן שטייען גרייט ארויסצוהעלפן מיט עמערדזשענסי אפרוף

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק׳ס יוטיליטיס האבן אומגעפער 5,550 ארבעטער זענען גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף און אויפריכטונג ארבעט לענגאויס דעם סטעיט. אגענטור שטאב וועלן נאכשפירן די יוטיליטיס ארבעט דורכאויס דעם פאסירונג און וועט פארזיכערן אז יוטיליטיס שטעלן די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע זענען ערווארטעט די מערסטע באטראפן צו ווערן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי לייגן צו עקסטערע פּאטראָלס צו ערטער וועלכע זענען ערווארטעט צו ווערן מערסט אפעקטירט דורך דעם שטורעם און זענען צוגעגרייט ארויסצושטעלן נאך טרופערס ווי נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פּוֹר-וויהל דרייוו און ספעציעליזירטע וויהיקלס שטייען גרייט פאר זאפארטיגע אפרוף, און אלע עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע געצייג זענען גע׳טעסט געווארן.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט / קאנאל קארפארעישען**
די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט און דער קאנאל קארפארעישען שטאב פירן אויס פארברייטערונגן צו פארזיכערן אז אלע איינריכטונגען און אפרוף-מיטלען און געצייג זענען גרייט און אויפ׳ן פלאץ. דער פאווער אויטאריטעט איז גרייט אונטערצושטיצן ענערגיע צוריקשטעל אקטיוויטעטן אויב נייטיג.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
MTA באשעפטיגטע וועלן שטיין גרייט צו שפרייטן זאלץ, אפרוימען פלאטפארמעס און שטיגן וואו עס געפונט זיך אייז, און האלטן אין אפעראציע סיגנאלן, סוויטשעס, און דריטע רעלס, אוועקפירן אראפגעפאלענע ביימער וואס וועלן מעגליך פאלן איבער די טרעקס, און זיך פארנעמען מיט סיי וועלכע

וועטער-פארבינדענע שוועריקייטן דורכאויס דעם שטורעם. צוליב דער וועטער, וועלן אלע MTA וואקסין און טעסט ערטער ווערן היינט פארשלאסן.

לאנג איילענד רעיל-ראוד האט סוספענדירט סערוויס אויף אלע צווייגן ביז 8 אינדערפרי; מעטרא-נארט רעילראוד וועט לויפן מיט סערוויס יעדע שעה אויף די הודסאן, הארלעם און ניו היווען ליניעס, מיט סערוויס סוספענדירט אויף איר צווייג ליניעס. ניו יארק סיטי סאבוועיס און באסעס ערווארטן צו לויפן אויף זייער געווענטליכע וועכנטליכע סקעדזשולס. צוזאמענהאנגענדע באסעס לענגאויס ניו יארק סיטי זענען ארויסגענומען געווארן פון סערוויס און ערזעצט דורך 40-פוסיגע סטאנדארט באסעס אויסגעריכטעט מיט קייטלען. MTA ברידזשעס און טונעלס האט איינגעפירט א פארבאט אויף ליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע וויהיקלס פון 12:01 אינדערפרי ביז 6:00 אוונט. עס האט אויך פארשלאסן דער העכערער טייל פון דער ווערעזאנא-נעראוס בריק צוליב הויכע ווינט אומשטענדן און ראט פאר מאטאריסטן צו ניצן פארזיכטיגקייט ביים דרייוו׳ען אויף אייזיגע שאסייען און דרייוו׳ען אויף רעדוצירטע שנעלקייטן.

קאסטומערס ווערן דערמוטיגט נאכצוקוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אפדעיטס און זיך האלטן וואך בשעת׳ן נאוויגירן דעם סיסטעם. קאסטומערס זאלן זיך אויך אויפשרייבן פאר עכט-צייטיגע סערוויס מודעות דורך טעקסט אדער אימעיל. די מודעות קען מען אויך באקומען דורך די MTA׳ס עפס: NYMTA, Long Island Rail Road Train Time און Metro-North Train Time.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי**

די פארט אויטאריטעט האלט א נאענטן אויג אויף וועטער אומשטענדן און האט מאביליזירט פערסאנאל און געצייג איבער אירע אלע איינריכטונגען צו גרייט מאכן און זיך אפרופן צו דער נאר׳איסטער און באדייטנדע שניי-פאל. די פארזאמלטע שניי האט פאראורזאכט אפהאלטונגען און אפשטעלונגען לענגאויס דעם ראיאן. צו פארגרינגערן שניי אפרוימונג לענגאויס פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, וועט דער אגענטור האבן איבער 480 שטיקלעך אויסריכטונגען און געצייג אויף דער האנט אריינגערעכנט הויכע-ספיעס שניי בלאזער, ראנוועי שאר-געצייג, און אייז-צולאזער. שנעלקייט איינצוימונגען קענען מעגליך זיין אין קראפט ביי די בריקן, ווי אויך לענגאויס די וועגן וועלכע פירן צו און אוועק פון די אריבערגאנגען.

פאסאזשירן דורך דער פארט אויטאריטעט׳ס איינריכטונגען ווערן דערמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט טראנספארטאציע פירער און עירליינס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן אפהאלטונגען און אפרופונגען.

איבער 76 פראצענט פון פלי-רייזן זענען אפגערופן געווארן ביי דזשאן עף. קענעדי עירפארט און 98 פראצענט פון פלי-רייזן אפגערופן ביי לאגווארדיע עירפארט. אין פאל פון סערוויס שטערונגען צו עיר-טרעין דזשעי-עף-קעי, אומזיסטע שאַטל באסעס וועלן צוגעשטעלט ווערן צו פאסאזשירן.

פאסאזשירן דורך די פארט אויטאריטעט׳ס איינריכטונגען זענען דערמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט טראנספארטאציע פירער און עירליינס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן אפהאלטונגען און אפרופונגען. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, ביטע קוקט נאך אויף סאושעל מעדיע, שרייבט אייך איין פאר PA מודעות, אדער דאונלאוד׳ט איינע פון די PA מאביל עפס, אריינגערעכנט RidePATH וועלכע באזארגן עכט-צייטיגע אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

**<u>זיכערהייט עצות</u>**

**ווינטער ארומפארן**

די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען.

בעפאר זיך זעצן הינטער'ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; גוטע זעעדיגקייט איז דער שליסל צו גוטע דרייוו'ען. פלאנירט אייערע סטאַפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. כסדר האלטס אייער ספיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.

עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראָקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויינגער ווי דער באשטימטע ספּיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שארער-טראָקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצורוימען עטליכע לעינס אויף א מאל. דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראָק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער'ן שארער-טראָק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פרובירן פארבייגיין שארער-טראָקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו'ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראָקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו'ען רעכענען אריין:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו'ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- גיבט אפּ אכט אויף בריקן וויבאלד אייז קען זיך פארעמען שנעלער ווי אויף די ראודס.
- נאסע בלעטלעך אויף וועגן קענען פאראורזאכן גליטשיגע אומשטענדן, און עס איז דערפאר נאך וויכטיגער צו דרייוו'ען שטייטער ווען מען קומט אט-אט צו שטרעקעס דערפון.
- מאכט זיכער איר האט אין אייער קאַר קאלדרעס, א שאָוועל, פלעשלייט, און איבעריגע באטעריעס, עקסטערע ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- האלטס אייער גאז טאנק אנגעפילט כדי נישט האבן קיין פראבלעמען מיט גאזאלין דערפרירונג.
- אויב איר האט א סעלפאָן אדער טו-וועי ראדיא אויף צו ניצן, האלטס די באטעריס גע'טשארדזש'ט און האלטס עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- מאכט זיכער אז עמיצער קען אייערע רייזע פלענער.
- בשעת'ן דרייוו'ען, האלטס אייער קאר אפגערומט פון אייז און שניי.
- פלאנירט אויס סטאַפּס און לאזט גענוג פלאץ צווישן קאַרס. כסדר האלטס אייער ספּיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.

**ענערגיע קראפט אויסלעש**

אויב ווערט די לעקטער אויסגעלאשן, זאלן ניו יארקער:

- אויסלעשן אדער אומבאהעפטן הויפט עפלייענסעס און אנדערע אויסריכטונגען, ווי צ.ב.ש. קאמפיוטערס, אין פאל פון א צייטווייליגע ענערגיע קראפט אנפלייץ וועלכע קען שעדיגן די כלים.

האלט איין לעקטער אנגעצונדן כדי איר זאלט גלייך וויסן ווען די ענערגיע קראפט ווערט צוריקגעשטעלט. עס קען זיך לוינען צו נוצן סוירדזש באשיצערס יעדעס מאל ווען אימער איר נוצט עלעקטראנישע אויסריכטונגען.

- רופט אייער יוטיליטי פראוויידער זיי מודיע צו זיין וועגן דעם אויסלעש און הערט אויס ארטיגע בראדקעסטס פאר אפיציעלע אינפארמאציע. פאר א ליסטע פון יוטיליטיס אין ניו יארק סטעיט, באזוכט דעם סטעיט דעפארטמענט אוו פובליק סערוויס.
- קוקט נאך צו זעהן אויב אייערע שכנים האבן ענערגיע קראפט. קוקט נאך אויף מענטשן וואס האבן ספעציעלע געברויכן.
- ניצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג-ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלטס פרידזשידער און פריעזער טירן פארמאכט — רוב עסנווארג וועלכע דארפן געהאלטן ווערן קאלט קענען געהאלטן ווערן זיכערערהייט אין א פארמאכטע פרידזשידער פאר עטליכע שעה׳ן. אן אומגעעפנטע פרידזשידער וועט האלטן עסנווארג קאלט פאר בערך פיר (4) שעה. אן אנגעפילטע פריעזער וועט האלטן דער טעמפעראטור פאר בערך 48 שעה.
- ניצט נישט קיין טשאַרקאָול גריל אינעווייניג און ניצט נישט קיין גאז אויוון פאר הייצונג — זיי קענען ארויסגעבן שעדליכע מאסן קארבאן מאנאקסייד.
- אין קאלטע וועטער, האלטס אייך ווארעם דורך זיך אנטון אין שיכטן און מינימיזירן די צייט פארברענגט אינדרויסן. זייט פארזיכטיג וועגן קאלטע אנגעשטרענגט סימפטאמען (ווי צ.ב.ש. היפאטערמיע) און זוכט פאסיגע מעדיצינישע הילף אויב ווייזן זיך סימפטאמען.
- אויב זענט איר אין א הויכע בנין, נעמט די טרעפ און ציעט אייך צו די נידעריגסטע שטאפל פון דעם בנין. אויב איר בלייבט שטעקן אין אן עלעוועיטאר, ווארט אויף הילף. פרובירט נישט צו עפענען די טירן מיט געוואלד. בלייבט געדולדיג — עס איז דא א שפע פון לופט און דער אינעווייניג פון אן עלעוועיטער איז געבויט אויס פאר פאסאזשיר סעיפטי.
- געדענקט צו געבן פריש, קיל וואסער צו אייערע שטוב חיות.
- שליסט אויס אומנויטיגע נסיעות, בפרט מיט א קאר. טראפיק סיגנאלן וועלן אויפהערן ארבעטן במשך א קורצשלוס, וואס וועט אנמאכן טראפיק קאנדזשעסשאן און געפערליכע אומשטענדן פאר דרייוון. אויב דארפט איר דרייוו׳ען בשעת א בלעקאָוט, געדענקט צו פאלגן די 4-וועגיגע סטאַפּ ארדנונג ביי שניידפונקטן ווי די טראפיק סיגנאלן פונקציאנירן נישט.
- געדענקט אז אויסריכטונגען ווי אויטאמאטישע טעלער מאשינען (ATM׳ס) און עלעוועיטערס וועלן מעגליך נישט ארבעטן.

פאר מער סעיפטי עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס סעיפטי עצות וועב זייטל דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן